בקרוב ממש

אי"ה ביי אייך

די ריכטיגע השתדלות צו אייער באשערטע

**ציבור'ס פלאטפארמע, מיט נייעס, באריכטן, דעבאטעס, איבער די שידוכים לעזונג**

# שדכנ'טעס, יעצט איז אייער געלעגנהייט!

**צו די חשובע ארגאניזאציע בקרוב, און זייער פלאטפארמע "בקרוב ממש".**

**איך בין א שדכנ'טע שוין אזא גוטע יאר צייט, אבער איך שפיר אז איך בין נישט ווערד צו טראגן דעם טיטל. איך מוטשע זיך גאר שטארק ווען עס קומט צו אנטראגן א שידוך, איך שפיר ווי מענטשן וועמען איך וויל העלפן לאזן מיר הענגען אינמיטן, איך שפיר אז עלטערן פארשטייען נישט וואס די שדכנ'טע טוט אלס פאר זיי.**

**איך טראג אן יעדן חודש צענדליגער שידוכים, פאר יעדן בחור געב איך א ברייטע אויסוואל מיט שידוכים, און נאכן נישט צוריק הערן פאר א וואך צייט, רוף איך פרעגן וואס איז געווארן. פארשטייט זיך אז רוב מאל הייבט מען נישט אויף, און ווען יא קומט די ענטפער: אה, איך וועל מיר פאראינטערעסירן שפעטער, דערווייל האב איך נאכנישט אריינגעקוקט דערין...**

**אבער דאס אלעס איז נאך גין-גאלד. וואס איז יעצט געשען האט צעשטורעמט מיינע געפילן און איך שפיר אז דאס איז עס, איך קען מער נישט אויסהאלטן! איך האב געהאט אנגעטראגן עפעס וואס ענדליך האבן שוין ביידע זייטן געהאלטן ערנסט דערביי. ב"ה אז עס איז געלונגען, מ'האט שוין געמאכט א בעשוי. איך האב געשפירט גוט, ענדליך וועל איך שוין עסן אביסל פרוכט פון מיין ענדלאזע הארעוואניע.**

**אבער... פלוצלינג, מ'קומט ארויס פון בעשוי, ביידע זייטן ווילן עס איבערטראכטן. און ס'איז גארנישט געווארן פון די גאנצע זאך. איך שפיר אז איך קען נישט מער אנגיין, איך וויל זיך ארויסלאזן פון דעם שווערן ליין פון שדכנות, עס איז נישט פאר מיר.**

**יא, איך ווייס אז עס איז דא א שדכנות קריזיס, און טאקע דערפאר בין איך אריינגעשפרינגען דערין כדי צו העלפן, אבער אויב איז דאס די רעזולטאטן, קען זיך עס ענדיגן מיט מיין פריוואטע קריזיס, א זאך וואס איך בין בכלל נישט גרייט דערויף.**

**אויב האט איר אן עצה, אדער חיזוק, דאן ביטע לאזט מיר וויסן, ווייל איך שפיר אז איך בין פארטיג מיט מיין שדכנות קאריערע. מיט דאנק: מרת ד. פייערשטיין, ניו יארק.**

חשוב'ע שדכנ'טע! אייער אפנהארציגע בריוו רייסט ביים הארץ. און מיר קענען נישט מער ווי זאגן, אז אסאך שדכנים און שדכניות שפירן די זעלבע מיט אייך, עס איז בכלל נישט קיין גרינגע פעלד, און ווי שווערער א זאך קומט אן, אלס גרעסער איז די שכר אין הימל.

אבער מיר ווילן אייך זאגן אז אייער בריוו איז אנגעקומען צו אונזער טישל ממש אין די ריכטיגע מינוט! עס איז א זעלטענע השגחה פרטית, וואס ווייזט אז דער רבונו של עולם קוקט ארויס אויף אייך, און וויל אז איר זאלט ווייטער קענען טוען שידוכים בעז"ה, און מיט גרויס הצלחה.

מיר האבן אייך גוטע נייעס, אבער קודם א חיזוק מעשה'לע. פארלאפענע וואך האט א שדכנ'טע פון בקרוב געזאגט ממש די זעלבע ווערטער ווי אייך, אז זי לאזט זיך אפ פון שידוכים, אלעס פאלט אדורך נאכדעם וואס אירע שידוכים אין וואס זי האט אריינגעלייגט אזויפיל ארבעט האט זיך אויסגעלאזט מיט גארנישט. כדי נישט אריינצופאלן אין יאוש, האט זי באשלאסן אז זי גיבט נאך איין שאנס: זי האט אנגערופן צוויי עלטערן און אנגעטראגן צוויי פרישע שידוכים. ב"ה אז איין שידוך איז שוין גאר ערנסט, און די צווייטע זעט אויך אויס ווי ס'פארט אויף די גוטע וועג. געב נישט אויף!!!

און אצינד צו די גוטע נייעס: אין די יעצטיגע טעג טוט בקרוב שטארק ארבעטן טאקע אויף דעם הינזיכט, פון העלפן שדכניות צו קענען זיין פראפעסיאנאל, געבן זייער ריכטיגע חיזוק, און טרענירן מיט די בעסטע מיטלען ווי אזוי צו קענען רואיג אנטראגן און אויספירן שידוכים, אן צו אריינפאלן אין קיין יאוש אדער אנגעווייטאגטע געפילן.

בקרוב איז דאס ארט וואו מ'גיבט "טרעינינג" און חיזוק פאר שדכנים און טיפס, עצות און מהלכים וויאזוי מצליח צו זיין אין די הייליגע ארבעט, סיי פריוואטע קאונסאלטינג, און אנווייזיונגען, סיי קאנפערענצן אדער דרשות פון צייט צו צייט.

אבער אצינד ארבעט מען אויף א ספעציעלע "איבערנאכט געטעוועי", א גאר אינהאלטסרייכע אווענט פאר פרויען שדכנים, וואס וועט אי"ה פארקומען אין צוויי וואכן ארום, וואו מ'וועט קענען באקומען עצות און חיזוק, איש את רעהו יעזורו ולאחיו יאמר חזק. יעדע שדכנ'טע וועט קענען הערן ערפארונגען, און קענען מיטטיילן אירע גוטע טיפ'ס פון איר אייגענע ערפארונג פאר אנדערע שדכניות.

די געטעוועי וועט פארקומען אי"ה אין די HOTEL HONORS HAVEN דינסטאג און מיטוואך נאך תשעה באב, נאכן ענדיגן אויסוואשן אלע וועש פון די ניין טעג.... עס וועט דארט זיין צו הערן אויסגערופענע באקאנטע געלונגענע רעדנערינס, וועמען יעדער איינער וויל הערן.

טייערע שדכנ'טע, עס לוינט זיך נישט צו פארפאסן דעם געלעגנהייט. דאס וועט אייך געבן די ריכטיגע כלים און מעטאדן, און פילפאכיג פארלייכטערן אייער ארבעט, עס זאל נישט זיין אזוי שווער און דערמאטערנד, נאר ליבערשט געשמאק און דערפרישענד.

**זיך איינצושרייבן אין דעם ספעציעלן געטעוועי, רעגיסטרירט אייך מיטן אריינרופן אין צו די שדכניות קאמיטע, אויף 845.351.0445 בעפאר אוגוסט 6 למספרם, און לאזט איבער א מעסעדזש, און מיר וועלן אייך צוריק רופן בעז"ה.**

**פאר סיי וועלכע קאמענטארן, פראגעס, געדאנקען, עצות, חיזוק, הדרכה וכדומה, קענט איר אריינרופן 'בקרוב', און מיר וועלן בעז"ה אדרעסירן אייער טעמע.**
**טעלעפאון: 845.351.0445 עקסטענשאן 8 | פאקס: 845.470.3092**
**בליץ-פאסט צו: shdchnm@gmail.com**